# זקניך ויאמרו לך

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר• בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א• פה ק"ק קרית יואל יצ"ו

בעזהשי"ת | גליון קע"א – פר' תזריע (החודש) תשע"א לפ"ק | כיתה ח' ט'

תתתתכד) עס האט דערציילט מיין עלטער זיידע

## הרה"ח ר' מרדכי ראטה ע"ה

ווען ער איז געווען א אינגל פון דריי יאר איז ער געווארן א יתום ל"ע פון זיין מאמע ע"ה, און ער פלעגט אסאך פארן צו זיין זיידן הרה"ח ר' אלי' פאללאק ז"ל קיין סיגוט.

דער זיידע ר' אלי' איז געווען א גרויסער סיגוטער חסיד, און א דאנק זיין השפעה איז דער זיידע געגאנגען לערנען אין סאטמאר ביי כ"ק רביה"ק **בעל דברי יואל** זי"ע, כאטש זיין טאטע הרה"ח ר' אברהם צבי ע"ה איז געווען א געוויקטער בעלזער חסיד.

האט אים דער זיידע רבי אלי' דערציילט אז ווען ער איז געווען ביי די הקפות פונעם ייטב **לב** זי"ע האט ער אליין געזעהן מיט די אויגן ווי איינמאל אינמיטן די הקפות האט זיך דער ייטב לב אנגערופן "פריידט זיך אידעלעך דער זיידע איז דא", מיינענדיג צו זאגן אז ער זעהט דעם הייליגן ישמח משה זי"ע וואס איז אראפ געקומען פונעם עולם העליון צו די הקפות. (חנני' יו"ט ליפא לאנדא)

תתתתכה) עס דערציילט אונזער עלטער זיידע

## הרה"ח ר' ר' יצחק הײלברון הי"ו

מיין זיידע הרה"ח ר' צדוק הײלברון ז"ל איז געווארן א יתום אלס קינד, ווען ביום ט' שבט תר"ט לפ"ק - אין די תקופה פון די אונגארישע רעוואלוציע, ווען אונגארן האט זיך געוואלט באפרייען פון עסטרייך, זענען דאך די אידן ווי שטענדיג געווען די קרבנות - און די גוים האבן זיך צעווילדעוועט, און עס איז געווען א בלוטיגער פאגראם אין די שטאט זענטא, און עס זענען ל"ע גע'הרג'עט געווארן ארום דרייסיג אידן ה"י.

צווישן די הרוגים זענען ליידער געווען די סלתה ושמנה פון די קהילה, און זיין טאטע דער אדא רב הגה"צ ר' יעקב הײלברון זצ"ל הי"ד, איז דעמאלטס אומגעקומען אויף קידוש ה' ביי די 39 יאר.

דעמאלטס איז דער יונגער צדוק געפארן קיין סיגעט און דער ייטב **לב** האט אים אריינגענומען צו זיך אין שטוב, און מיט די יארן איז ער געווארן דער משב"ק. דער ייטב לב האט אים שפעטער חתונה געמאכט מיט א נגיד'ישן שידוך, אבער ער האט ליידער נישט געהאט קיין קינדער, האט ער אים געשיקט צום **דברי חיים** זי"ע בעטן א ברכה פאר קינדער, האט זיך דער רבי חיים אנגערופן עס שטייט אין פסוק "בני צדוק" (בהפטורה לפר' אמור "והכהנים הלוים בני צדוק")...

שפעטער האט דער ייטב **לב** געהאט א חלום ווי דער אדא רב זאגט אים אז ער זאל הייסן זון צדוק זיך גט'ן, ווייל עס איז אים באשערט קינדער אבער נישט פון דעם זיווג. ווען דער ייט"ל האט אים דאס איבער געגעבן האט ער נישט געהאט קיין חשק און ער האט זיך נישט גע'גט.

איינמאל האט אים דער ייטב לב אריינגערופן אין צימער ווען ער איז געווען אליין, און ער זאגט איהם "דיין טאטע איז יעצט דא אין שטוב און ער בעט אז דו זאלסט זיך גט'ן שוין אונן דאס נישט אפשטופן", ווען ער האט געהערט אזעלכע ווערטער פון זיין רבי'ן, און נאכדערצו אז זיין טאטע שטייט דא, האט ער זיך גע'גט איבערלאזנדיג זיין גאנץ פארמעגן פאר זיין זויג ראשון". ער האט חתונה געהאט בזו"ש מיט די טאכטער פון הרה"ח ר' יעקב בירמאן ז"ל א בארימטער חסיד'ישער איד אין סיגעט, און מיט דעם זיווג האט ער אויפגעשטעלט א ערליכע שטוב מיט ניין קינדער בנים ובנות.

דער הייליגער **נאסאדער רב** זי"ע איז דאך געווען מורא'דיג פארקאכט אין צאנז, ווען ער האט נאר געטראפן איינעם פון די משפחה פלעגט ער זאגן "אה, דאס איז דער "בני צדוק" פונעם רב".

איינמאל פארנדיג אויפן פיאקער האט זיך דערנעבן געשפילט א קינד פון די משפחה, האט דער גבאי א זאג געטון פארן נאסאדער רב אז דאס קינד איז צדוק'ס אן איניקל, האט דער נאסאדער רב געזאגט "ברענגט אים ארויף אויפן פיאקער, און זעצט אים נעבן מיר"... (שמעתי עובדא זו מפי כ"ק הגה"צ רבי משה ארי' פריינד זצוק"ל גאב"ד ירושלים נכד הרה"ק מנאסאד זי"ע) (ישראל פישער)

תתתתכו) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ח ר' יושע שווארץ הי"ו

מיין טאטע הרה"ח ר' ארי' ע"ה פלעגט דערציילן ווי אזוי עס איז געווען דער לעבענס שטייגער פון א ישיבה בחור אינדערהיים, וואס ווייזט וויפיל א בחור האט געדארפט מקריב זיין כדי צו קענען לערנען אין ישיבה:

נאך אלס קינדער פאר די בר מצוה זענען מיר שוין געפארן לערנען אין ישיבות אוועק פונדערהיים, צו די בר מצוה האט מען געגעבן אין ישיבה לעקאך און בראנפן, און מ'האט אנגעהויבן צו לייגן תפילין, דאס איז געווען די בר מצוה.געווענליך א בחור וואס איז געפארן לערנען אין ישיבה האט אליינס געדארפט פארשאפן אן אכסניא וואו ער זאל איינשטיין. די בחורים פלעגן דינגען אכסניות אפילו ביים גוים.

ווייניג ישיבות האבן געהאט א אייגענע קאך וואו מ'האט צוגעשטעלט צו עסן, און די וואס יא האבן נאר די בחורים וואס האבן געקענט באצאלן פאר די 'מענזא' געגעסן אין די ישיבה, און די איבריגע בחורים האבן געגעבן 'טעג' ביי די בעלי בתים איבער די שטאט, ד.ה. אז יעדן טאג האט מען געגעסן ביי א צווייטן בעה"ב. דא האט זיך שוין געווענדן אויב האט מען אנגעטראפן א בעל הבית'ישע שטוב האט מען געקענט באקומען אויף מיטאג א געשמאקע פליישיגע סעודה, אבער אויב מ'האט אנגעטראפן א ארימע שטוב האט מען באקומען א פליגעלע אדער א גערגעלע און מ'האט ווייטער געהונגערט. פרישטאג האט מען געגעסן ברויט מיט צוויבל וואס מ'האט געשנארט. א גוטער בחור וואס האט געלערנט מיט אינגערע בחורים האט שוין געקענט פארדינען געלט פון זיין לערנען האט ער מיט דעם געקענט באצאלן די מענזא.

מיר האבן קיינמאל נישט באקומען קיין נייע בגדים, אלעס האט מען גע'ירש'ענט פון די עלטערע ברודער.

אזוי ווי איך בין געווען א גוטער בעל תפילה האב איך געדאווענט אין די הייליגע טעג פארן עמוד, און מיט די געלט וואס מ'האט באצאלט דערפאר האב איך געקענט קויפן א נייעם אנצוג. (מנחם יודא שפילמאן, יחזקאל שרגא שפילמאן)

תתתתכז) עס דערציילט אונזער עלטער פעטער

## הגה"צ רבי שמואל בראך שליט"א אב"ד נאנאש

דער זיידע דער אפסי ארץ זי"ע האט געהאט אן איידעם דער סאבראנצער רב זצ"ל א תלמיד פונעם ייטב לב זי"ע.

ווען מ'האט אים אנגעטראגן דעם שידוך מיט די טאכטער פונעם נאנאשער רב איז ער אריין צו זיין רבי'ן דער ייטב לב זיך שואל עצה זיין איבער דעם שידוך, האט אים דער ייטב לב געזאגט "גלייב מיר, פון אלע היינטיגע רבנים זע איך נישט נאך איינעם מיט אזויפיל מעלות ווי דער נאנאשער רב"...

עס איז אינטערעסאנט צו דערציילן אז דער שטח פונעם בית החיים אין נאנאש האט באלאנגט פאר א גוי, און מ'האט אים געצאלט רענט. דער נאנאשער זיידע האט אבער אלס פרובירט אפצוקויפן דעם שטח, זאגנדיג אז עס איז א ענין צו ליגן אויף א אייגענע קרקע, אבער דער גוי האט נישט געוואלט הערן דערפון. לפלא, אז נאך בימי השלשים לפטירת פונעם אפסי ארץ איז דער גוי אליין געקומען אנטראגן אז ער וויל פארקויפן דעם שטח פאר די אידן. (יחזקאל שרגא שעהר, ישראל מאיר בראך, יעקב הכהן גלאנץ, יושע לאנדא, משה שעהר, יחזקאל שרגא בראך, אברהם שמעון הכהן גלאנץ, יעקב הכהן גלאנץ)

### תתתכח) עס דערציילט מיין באבע תחי' אשת

## הרה"ח ר' שמואל יודא קליין הי"ו

איר טאטע הרה"ח ר' חיים יעקב דייטש ע"ה איז געווען א תלמיד פון **רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע אין די ישיבה אין סאטמאר.**

ער פלעגט דערציילן ווי ווייט דער רבי זי"ע האט מקפיד געווען אז די בחורים זאלן קענען חומש רש"י, און ווען ער האט געזעהן ווי בחורים האבן נישט געהעריג געלערנט חומש רש"י אויף די סדרה, אפילו חשוב'ע פלייסיגע בחורים, האט אים דאס זייער וויי געטון.

איינמאל פרשת משפטים האט דער רבי פארהערט בחורים הלכות מקוואות, וואס איז א גרויסע שווערע מקצוע אין שו"ע, און אינמיטן דעם פארהער האט דער רבי געפרעגט א שאלה פון חומש רש"י פון יענע וואך, און עטליכע בחורים וואס איז געווען זייער רייע צום פארהער האבן נישט געוואוסט צו ענטפערן.

דעם רבי'ן האט דאס אזוי וויי געטון, אז ער האט פארמאכט דעם שו"ע, און ער איז ממש ארויסגעלאפן פון צימער פאר עגמת נפש. דער זיידע פלעגט זיך אויסדרוקן "מ'האט אים נישט געקענט נאכלויפן פון עגמת נפש אז בחורים זאלן נישט קענען חומש רש"י" (אפרים יואל ווייס, יעקב ווייס, משה ארי' ווייס, מנחם זאב קליין, חיים יעקב ווייס)

### תתתכט) עס האט דערציילט מיין עלטער זיידע

## הרה"ח ר' בעריש וויינבערגער ע"ה

ער האט זיך אסאך אפגעגעבן מיטן איבערדרוקן אלע מונקאטשער ספרים, און ער האט געדענקט אויסווייניג יעדע תשובה פון שו"ת מנחת אלעזר צו וועמען עס איז געשריבן געווארן. (איינמאל איז דער רבי מרן הברך משה זי"ע צוגעקומען צו הרה"ח ר' חיים בער מונקאטשער ז"ל וועלכער האט געדאווענט אין סיגעטער ביהמ"ד אויף היוז סט. און אים געפרעגט אויף א געוויסע תשובה פונעם מנח"א צו וועמען דאס איז געשריבן געווארן, האט ר' חיים בער געפרעגט דעם זיידן און ער האט באלד געוואוסט).

אויף זיינע עלטערע יארן האט ער זיך אפגעגעבן מיטן צוזאמען נעמען אלע מכתבי קודש פון די גזע הק' לבית דינוב מונקאטש און דאס ארויסגעגעבן אין א ספר 'אגרות שפירין'.

אין דעם ספר וואס ער האט געהאט אינדערהיים האט ער צוגעשריבן ביי מכתב פ"א, אז בשנת תרע"ט נאך די ערשטע וועלט מלחמה האט די רעגירונג פארטיילט עסן פאר די אידישע קהילות, צווישן די איז געווען 'מאשין מצות'. און דער מנח"א האט געהייסן אז מ'זאל עס אוועקווארפן ווייל דאס איז חמץ שעבר עליו הפסח. (אינעם קו' זכרונות פון הרה"ח ר' ישי בוכינגער ע"ה שרייבט ער אז הגה"צ ר' מיכאל בער ווייסמאנדל ז"ל האט געזאגט נאך פסח מעג יעדער עסן מאשין מצות, ווייל דער טעם האיסור אויף חמץ שע"ע הפסח איז משום קנסא, אבער א איד וואס עסט מאשין מצות אויפן היתר פון זיין דיין איז נישט שייך צו קנס'ענען. ווען ר' ישי האט דאס איבערגעזאגט פארן רבי'ן ז"ל האט דער רבי געזאגט "ווער זאגט? אפשר משום לא פלוג איז עס אויך אסור?"). (אברהם וואלף וויינבערגער)

### תתתל) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ח ר' משה פאגעל הי"ו

איך האב געהערט פון הרה"ג ר' אשר שוועבל זצ"ל פון די נייטרא ישיבה האט ער אמאל געזאגט אז די גמרא זאגט אין מס' סנהדרין אין בן דוד בא עד שיתבקש דג לחולה ולא ימצא שנאמר וכו' וכתב ביום ההוא אצמיח קרן לבית ישראל, האט ער געטייטשט אזוי:

א טהור'ע פיש איז דאך די כשר'סטע מאכל וואס איז שייך, ווידעראום פאר א חולה איז מען דאך מתיר צו עסן אפילו טריפות אויך, אבער פאר משיח וועט קומען וועלן זיין מענטשן וואס וועלן זיין אזוי פארפרומט אז אפילו א דג טהור וועט אויך נישט זיין כשר צו קענען געבן פאר א חולה. עד כאן דבריו, ודפח"ח (יעקב זילבערשטיין).

### תתתלא) עס האט דערציילט אונזער עלטער זיידע

## הרה"ח ר' אברהם עביר ראזענבערג ע"ה

ביי די צווייטע וועלט מלחמה איז ער געווען אין א לאגער מיט אסאך אידישע בחורים, און אזוי ווי ער איז געווען דער עלטסטער צווישן זיי האט ער געשפירט אז עס איז זיין אחריות זיך צו זארגן פאר זייער וועגן, און ער פלעגט זיך איינשטעלן דאס לעבן זיי צו פארשאפן עסן.

צוליב דעם פלעגט ער גנב'ענען קארטאפל פון די קאך, און ער האט דאס אריינבינדן אין זיינע בגדים, און ווען מ'פלעגט צוזאמנעמען די בגדים צום וואשן, פלעגט מען דאס מיטנעמען, און זיי פלעגן אויסקאכן די קליידער וועגן די לייז, ממילא האט זיך די קארטאפל אויך אפגעקאכט, און ער האט דאס צוטיילט פאר די בחורים.

איינמאל האט מען אים געכאפט ביי די גניבה, און דער נאצי האט אים אנגעהויבן צו שיסן פונדערווייטנס, ווי נאר ער האט געהערט א שיסעריי האט ער זיך אראפגעלייגט אויף דער ערד, און ער איז פון דארט אוועק געקראכן אויף אלע פיר, און זיך באהאלטן.

די מענטשן וואס האבן געהערט די שיסעריי און נאכדעם האבן זיי געזעהן אז ער קומט נישט אהיים זענען געווען זיכער אז ער איז געשאסן געווארן ה"י, און זיי האבן אים באוויינט, אבער נאך 24 שעה וואס ער איז געווען באהאלטן איז ער ארויסגעקומען, און די שמחה ביי די צובראכענע בחורים איז געווען זייער גרויס. און אויך נאכדעם האט ער ממשיך געווען און מוסר נפש געווען צו העלפן אידישע קינדער. (משה נתן נטע פערל, לייביש פראנקל)

### תתתלב) עס דערציילט מיין טאטע

## הרה"ח ר' ליפא פאלקאוויטש הי"ו

מיט עטליכע יאר איז ער געווען אין ארה"ק מיט הרה"ג ר' יוסף חיים גרינוואלד שליט"א, און מ'האט מתפלל געווען אויף די מקומות הק' אויפן גרויסן ביה"ח אין טבריה.

זייענדיג ביי די חלקה פון די תלמידי בעש"ט הק' איז א איד געקומען בעטן היות ער האט היינט יארצייט נאך זיין טאטן, זאלן מיר קומען משלים זיין מנין אז ער זאל קענען זאגן קדיש בציבור. כאטש עס איז געווען א היבשער מרחק דער וועג אהין, זענען מיר אהינגעגאנגען און משלים געווען דאס מנין.

ווען מיר זענען געגאנגען אויפן וועג צוריק האבן מיר באמערקט די מציבה פון **הרבנית הצדיקת מרת חי' רויזא בת רביה"ק יואל זי"ע,** און דער יום הפטירה איז בו ביום י"ד חשון... דאן האבן מיר געזעהן אז עס איז געווען מן השמים אז מיר זאלן גיין זאגן א קדיש מיט יענעם איד אזוי האבן מיר געקענט לערנען משניות און צינדן לעכט ביום היארצייט פון די צדיקת ע"ה. (יעקב פאלקאוויטש)

### תתתלג) עס האט דערציילט אונזער עלטער באבע ע"ה אשת

## הגה"ח ר' יצחק גוטמאן ז"ל

מיין טאטנס טאטע איז געווען הרה"ח ר' יונה גלויבער ע"ה, איינמאל ווען ער איז געפארן צום **ייטב לב** זי"ע אויף די הייליגע טעג, האט ער זיך צוזאמען געשטעלט מיט א גרופע חסידים ואנשי מעשה, און זיי זענען געפארן אינאיינעם א פמליא מיט וועגענער אינאיינעם.

פונקט דעמאלטס האט זיך דער ייטב לב זי"ע אנגערופן פאר זיינע מקורבים "היות עס קומען צו מיר צו פארן חסידים פונדערווייטנס, וויל איך זיי גיין מקבל פנים זיין ביים טויער פון די שטאט". קיינער האט נישט געוואוסט און קיינער האט נישט פארשטאנען ווי אזוי צו ערקלערן זיין כוונה וואס ער האט געמיינט צו זאגן מיט די ווערטער.

ומעשה שהיה, אז זיי זענען געווען אונטערוועגענס און אינמיטן וועג האט זיי אנגעטראפן א באנדע רויבערס וואס האבן זיי געוואלט הרג'ענען און אוועקנעמען זייער געלט. און ווען די חסידים האבן געזעהן אז כלתה עליהם הרעה האבן זיי אנגעהויבן צו שמייסן די פערד אז זיי זאלן שנעלער פארן, און עס איז זיי געלונגען צו אנטלויפן פון אונטער די הענט פון די רויבער אנדעם וואס זיי זאלן זיי געשעדיגט ווערן.

פאר אלע חסידים איז געלונגען צו אנטלויפן ווייל זיי האבן געהאט גוזונטע שטארקע פערד, אבער ר' יונה, זייענדיג אן עני ואביון, האט געהאט א שוואך פערדל וואס האט נישט געקענט צו שנעל יאגן דאס פערדל, אזוי אז ער איז צוריק געבליבן אונטער זיי, און עס האט ממש געפעלט א האר אז די רויבער זאל אים כאפן.

ווען די רשעים זענען שוין געווען גאר נאנט צו אים האבן זיי אנגעהויבן צו שיסן אויף אים מיט זייערע ביקסן, און איין קויל האט געצילט אין אים, אבער בחסדי ה' האט דאס בלויז דורכגעלעכערט זיינע מלבושים און ער אליינס איז בכלל נישט געשעדיגט געווארן. אבער ער איז געווען פארנומען מיטן אנטלויפן אז ער האט נישט געשפירט אז דער קויל האט אים געהאט באטראפן און ווי ער איז ניצול געווארן בדרך נס.

אנקומענדיג קיין סיגעט איז ער ערשטוינט געווארן צו טרעפן ווי דער ייטב לב זיצט אוןווארט אים אפ ביים טויער פון שטאט. און ווי נאר דער ייטב לב זעהט אים זאגט ער אים "גיב א קוק, זע ווי דיינע קליידער זענען צעריסן און צולעכערט פון די קוילן וואס זענען אריין אין דיינע קליידער. און דער ייטב לב האט אויסגעדריקט גרויס שמחה אויף דעם גרויסן נס וואס איז געשעהן צו אים. (איר יארצייט איז קומענדיגן דינסטאג ראש חודש ניסן, לע"נ בילא ב"ר פינחס ע"ה) (שמעון גוטמאן, בנימין יוסף מאיר טעללער, יואל הירש, ישראל ברוך הכהן כ"ץ, אביעזר מרדכי גוטמאן, בעריש מענדלאוויטש, חנני' יו"ט ליפא גוטמאן, ישכר דוב שווארץ, משה דוד טעללער, יואל גוטמאן, אהרן זאב גוטמאן, אשר לעמיל גוטמאן, יצחק הכהן פריעדמאן, יצחק סופר, יצחק גוטמאן, יצחק טעללער, יצחק פריעדמאן, יצחק כ"ץ)